# דברים חוצבים להבות אש

## שהשמיע כ"ק אדמו"ר מוויען שליט"א

## בחומר איסור מסירה והליכה לערכאות

### בתוך דרשת ז' אדר דהאי שתא

### דקדוקי עניות מעבירין האדם על דעתו ודעת קונו

...עס שטייט אין ספר דברי ישראל (להה"ק רבי ישראל ממודזיץ זצ"ל) אין פרשת פקודי, זאגט ער, וכסף פקודי העדה (שמות לח, כה), פקודי איז מל' חסרון, ולא נפקד ממנו איש, די גמרא זאגט (נדרים סו.) בנות ישראל נאות הן, אלא שהעניות מנוולתן, עניות ברענגט אסאך מאהל צו אז מען זאל טוהן זאכן וואס מען דארף נישט. דקדוקי עניות מעבירין את האדם על דעתו ועל דעת קונו (עירובין מא:), 'וכסף', די ענינים פון געלט זאכן, איז פקודי העדה, דאס ברענגט דעם חסרון אינעם עדה, די מניעה איז פונעם כסף, דאס ברענגט די ירידה וואס איז דא אין די שטובער.

איך וויל מעורר זיין אויף א זאך וואס איז נוגע צו כסף פקודי העדה, וואס עס ליגט דערין נאך א רמז, אז מען דארף מעורר זיין וויאזוי מען פירט זיך מיט כסף, וכסף פקודי העדה, די הנהגה וויאזוי מען דארף זיך צו פירן מיט געלט זאכן, אז עס זאל נישט זיין מעבירין את האדם על דעתו ועל דעת קונו, עס איז דא אין דעם צוויי חלקים, סור מרע ועשה טוב.

**עס איז זייער נפרץ געווארן לעצטענס וואס מען גייט בערכאות, ווען עס איז דא א סכסוך איינער מיטן צווייטען רופט מען אין קאורט אריין, און עס איז שטארק נפרץ געווארן מסירה, צענדליגער אידן זיצן אין די תפיסות ווייל היימישע אידן האבן זיי געמסר'ט. אמאל האט מען געמסר'ט דירעקט, אמאל האט מען געמסר'ט אומדירעקט, אבער דאס איז דער מציאות, אז צענדליגער אידן געפונען זיך היינט אין תפיסות וועגן מסירה.**

### איסור הליכה לערכאות בלי היתר בית דין

דאס גיין אין ערכאות דן צו זיין ווען מען האט א סכסוך בינו לבין חבירו, אפרופען סיי וועלכע אפיס פון די רעגירונג, און זאגן עפעס אויף א צווייטען איד

אן א רשות פון בית דין, גייט אריין אין דעם גדר. אמאל איז עס נאר הליכה לערכאות, און אמאל גייט עס אריין אויך אין גדר פון מסירה.

ווען צוויי מענטשען האבן צווישן זיך א סכסוך, איז די הלכה אז מען טאר נישט גיין אין ערכאות, מען מוז גיין צו א בית דין קודם, אפילו בײדע בעלי דינים זענען מסכים צווישן זיך, לאמיר די זאך סעטלען אין קאורט, נישט ער שלעפט אים אין קאורט, נאר בײדע זענען גרייט צו גיין אין קאורט, ער בעט איך וויל מיט דיר גיין אין קאורט די זאך סעטלען, איז די הלכה (שו"ע חו"מ סי' כו ס"א) אז מען טאר נישט. **ווען איינער גייט דן זיין א זאך אין ערכאות, אן דעם וואס ער זאל באקומען א רשות פון בית דין צו גיין דארט, 'הרי זה רשע', דאס איז דער לשון פון שולחן ערוך (שם) אז ער איז א רשע, 'וכאילו הירף וגידף', כאילו ער וואלט מגדף געווען דעם אייבערשטענ'ס נאמען, 'והרים יד בתורת משה רבינו', און ער האט אויפגעהויבן א האנט אקעגן די תורה פון משה רבינו.**

אויב דער בעל דין איז א גבר אלים, ער וויל נישט קומען צו קיין דין תורה, דארף מען גיין צו בית דין, און בית דין זאל געבן רשות, דאמאלס מעג מען גיין אין ערכאות, אבער ביז מען האט נישט קיין רשות פון בית דין טאר מען נישט גיין אין ערכאות, און ווען איינער גייט, זאגט דער שולחן ערוך אז ער איז כאילו מרים יד בתורת משה.

## ההולך לערכאות דומה כאילו מכה ספר תורה במו ידיו

וואס דאס מיינט מרים יד בתורת משה רבינו, זאל מען זיך פארשטעלן א בילד, מען נעמט ארויס דעם ספר תורה פונעם ארון הקודש צו לייענען, שטעלט זיך יעדער אויף, מען גייט צו און מ'געט א קיש פארן ספר תורה, גאנץ קליינע קינדער וואס וייסן נאך אפילו נישט וואס א ספר תורה איז, קומען און געבן א קיש פאר די ספר תורה. איינער זאל צוקומען צום ספר תורה דעמאלס, און נעמען זיין האנט, און אנהייבן צו האקן די ספר תורה, וואס וואלט מען געטוהן, וואלט יעדער געשריגן וואס טוהט זיך דא, מען וואלט אים אנגעכאפט און ארויסגעווארפן פונעם ביהמ"ד, אויפהייבן א האנט אקעגן די תורה?!, זאגן אונז חז"ל, אז ווען איינער גייט דן זיין בערכאות זאל ער וויסן אז דאס איז דומה ווי דו האסט גענומען דיין האנט, און דו האסט אנגעקלאפט דעם ספר תורה, כאילו הרים יד בתורת משה רבינו.

## מעות שהרויח בערכאות שלא על פי תורה, הוא גזילה ואף שכבר עברו הרבה שנים, חייב להשיב את הגזילה לחבירו

ווען א מענטש איז מוציא געלט פונעם חבר דורך ערכאות, ער איז יא געגאנגען אין ערכאות, און די ערכאות האט ג'פסק'נט אז יענער דארף דיר באצאלן כך וכך, און דאס וואס די ערכאות האט ג'פסק'נט איז נישט אויסגעהאלטן בדיני תורה, על פי דין תורה וואלט ער דיר נישט געדארפט צו צאהלן, און דו האסט מוציא געווען געלט מיט ערכאות שלא כדין, שטייט אין תשב"ץ (ח"ב ענין ר"צ) אז דאס געלט איז גזל בידו, האסט גזילה ביי דיר אין די האנט, אויב ער איז מקדש מיט דעם א אשה איז זי נישט מקודשת, עס איז נישט דיין געלט, דאס איז יענעמ'ס געלט, און דו ביזט פסול לעדות אזוי ווי א גזלן.

עס איז דא צוויי חלקים דערין, אמאל איז דא וואס מען גייט אין קאורט, און בית דין וואלט אויך צוגעפסק'נט די זעלבע, נאר יעצט האט עס די קאורט געפסק'נט, האב איך איין עבירה, אז איך בין געגאנגען אין קאורט און נישט געגאנגען צו בית דין, **אבער אויב איך בין געגאנגען אין קאורט, און קאורט האט צוגעפסקנט געלט וואס קומט זיך דיר נישט, איז עס גזילה. א גוי קען נישט מוציא זיין געלט פון יענעם, אז די תורה האט דאס מיר נישט געשענקט קענסטו עס נישט האבן, אפילו קאורט האט געפסקנ'ט אז עס איז דיינס, איז עס נישט דיין געלט, און אז דו האלטס דאס געלט ביזטו א גזלן, און ביזט מחוייב צוריקצוגעבן פאר יענעם יעדע פרוטה וואס דו האסט צוגענומען פון יענעם דורך**

**ערכאות. עס מעג אדורך גיין צען יאהר פון ווען דו האסט געהאט מיט יענעם א סכסוך אין ערכאות, מען האט דיר צוגעפסקנט אז דאס געלט איז דיינס, ליגט אויף אים א חיוב היינט והשיב את הגזילה אשר גזל. ער דארף פרעגן א שאלה ביי א דין תורה צו דאס געלט איז מיינס צו נישט, טאמער מען וועט אים פסקנן אז על פי דין תורה איז דאס געלט נישט זיינס, איז ער א גזלן, און איז מחוייב צוריקצוגעבן דאס געלט פון וועם ער האט דאס געגזל'ט.**

## הנוגע במוכן לחבירו פוסל האות שלו בתורה

נאר עס ליגט דערין נאך א רמז, כאילו הרים יד בתורת משה, עס שטייט אין תפארת שלמה אויף שבועות, אז אזוי ווי אין א ספר תורה איז דא א הלכה, אז יעדער אות מוז זיין מוקף גויל, עס מוז זיין ליידיג, עס טאר נישט צורירן איין אות צום צווייטען, אויב עס איז דא א נגיעה פון איין אות צום צווייטען אין א ספר תורה, איז דער ספר תורה פסול.

זאגט ער די זעלבע זאך, יעדער אות איז א נשמה פון א איד, יעדער איד דארף זיין מוקף גויל, ער טאר נישט צורירן צו א צווייטער אות, אין אדם נוגע במוכן לחבירו (יומא לח.), א מענטש רירט נישט צו אין דעם וואס עס איז אנגעגרייט פאר א צווייטען, און טאמער רירט ער צו צו א צווייטענס געלט, נעמט ער זיין אות און ער פסל'ט עס, ווייל עס איז געשעהט א נגיעה צו א צווייטער אות. און דאס איז הרמת יד בתורת משה. ווען א מענטש געט נישט אכט און ער רירט צו צו יענעמס געלט, איז כאילו ער האט גענומען זיין אות און עס צובראכן, עס צוגערירט צו א צווייטען אות אין דעם ספר תורה.

## המוסר גופו או ממונו של ישראל ביד עכו"ם אין לו חלק לעולם הבא.

דאס איז איין חלק ערכאות. נאכדעם קומט עס צו אז מען ווערט א מסור, מען איז מלשין ביי די ממשלה אויפן חבר א זאך וואס יענער האט געטוהן, און די ערכאות איז יענעם מחייב צו באצאלן געלט, האט מען דעם דין פון א מסור. עס איז נישט קיין נפק"מ וויאזוי דער קאורט הייסט, צו איז דאס א קרימינא"ל קאורט, צו דאס איז א סיווי"ל קאורט, צו עס איז א פעמיל"י קאורט, עס איז נישט קיין נפקא מינה, יעדער מסירה פון געלט וואס די רעגירונג איז מחייב צו באצאלן פאר יענעם, האסטו מוסר געווען ממון של ישראל פאר א צווייטען.

**עס איז נפרץ געווארן אז מען רופט אריין צו פארשידענע אפיסעס פון די רעגירונג, מען רופט צו די בילדינג דעפארטמענט ווען מען האט צוטוהן מיט א שכן וואס בויעט. ער האט צו טוהן מיט א טענענט רופט ער אים אין קאורט אריין, אמאל רופט מען די איי. אר. עס., אמאל רופט מען וועלפעיר, אמאל רופט מען פוד סטעמפס, דאס איז אלעס א איסור חמור, וואס אויב מען האט נישט רשות פון בית דין עס צו טוהן, טאר מען עס נישט טוהן.**

און עס שטייט אין שולחן ערוך (חו"מ סי' שפ"ח ס"ט) 'אסור למסור ישראל ביד עכו"ם בין בגופו בין בממונו', עס איז אסור איבער געבן פאר א גוי דעם גוף פון א איד, צו געלט פון א איד, 'ואפילו היה רשע ובעל עבירות', אפילו יענער איז א רשע ובעל עבירות, דאס איז דער לשון פון שולחן ערוך, 'ואפילו היה מיצר לו ומצערו', אפילו ווען יענער דערגייט אים די יאהרן, האט מען נישט קיין רעכט צו זיין א מסור, איבערצוגעבן פאר די רעגירונג. 'וכל המוסר ישראל ביד עכו"ם בין בגופו בין בממונו אין לו חלק לעולם הבא', ער האט נישט קיין חלק לעוה"ב, 'ומותר להרוג המוסר בכל מקום אפילו בזמן הזה', מען מעג הרגנ'ן יענעם!. ער האט נישט קיין לעבן, מען מעג מעביר זיין פון די וועלט איינער וואס איז א מסור!. 'ומותר להורגו קודם שימסור', נישט נאר ווען ער האט שוין אפגעטוהן די מסירה, מען מעג אים הרגנ'ן בעפאר ער האט איבערגעגעבן, 'אלא כשאמר הריני מוסר פלוני בגופו או בממונו אפילו ממון קל', איך גיי יענעם מוסר זיין, 'התיר

עצמו למיתה', האט ער זיך מתיר געווען, אז מען מעג אים הרגנ'ען, זעהט מען ווי ווייט עס איז הארב, אפי' ווען עס איז נאר נוגע צו א עונש ממון, טאר מען נישט איבער געבן א איד פאר א צווייטען.

## המוסרים יורדים לגיהנום ונידונין בה לדורי דורות

עס שטייט אין די גמרא מסכת ראש השנה (יז.) אז כאטשיג משפט רשעים בגיהנום איז י"ב חודש, דאס איז נאר ביי א פשוטער בעל עבירה, אבער מסורים יורדין לגיהנום ונידונין בה לדורי דורות, ער וועט אייביג בלייבן אין גיהנום, גיהנום כלה והם אינם כלים זאגט די גמרא, די גיהנום וועט זיך שוין ענדיגן, אבער ער וועט נאכנישט ארויסגיין פונעם גיהנום. יעדער טעלעפאן וואס א מענטש מאכט צו די ממשלה, א פשוטער 311 טעלעפאן קאל, אויב עס קען נוגע זיין, אז יענעמס געלט וועט דורך דעם שאדן גיין וואס עס איז זיך אים נישט געקומען על פי תורה, איז מען א מוסר ממון של ישראל צו יענעם, און ה' ישמרנו די עונשים דערפון. אז מען האט א ספק, דארף מען פרעגן א שאלה פון א חכם, נישט אייביג איז עס אסור, ס'איז דא אמאל וואס דער חכם וועט עס מתיר זיין, אבער ביז מען האט נישט געפרעגט דערויף א שאלה, האט מען דעם דין פון א מסור.

## הפושעים המעכבים את הגאולה יהיו מוסרים, ועל ידי זה יצאו מכלל ישראל

דברים פלואים שטייט פונעם ישמח משה אין אנהייב פרשת וישב, ער זאגט אז די גמרא זאגט אין סוף סנהדרין (צז.) אין בן דוד בא עד שירבו המסורות, משיח וועט קומען אין א צייט וואס עס וועט זיין אסאך מסירות, האבן מיר דערלעבט ב"ה דעם זמן פון ביאת בן דוד, עד שירבו המסורות.

זאגט דער הייליגער ישמח משה, 'נראה לי בדרך אמת' פארוואס וועט אזוי זיין, ווייל א מסור איז א מומר לכל התורה ויצא מכלל ישראל, ווען א מענטש איז געווארן א מסור איז ער ארויס פון כלל ישראל, זאגט ער ווען משיח וועט קומען וועט זיין דער עולם הבירור, וצרפתים כצרוף את הכסף ווי דער פסוק (זכרי' יג, ט) זאגט, דער באשעפער וועט מצרף זיין, און עס וועט זיין אדער כולו חייב אדער כולו זכאי, איך זאג נאך זיין לשון, דאס איז דער פשט עד שירבו המסורות, זה יהיה בהשגחה פרטית מאת ה', דאס וועט זיין מיט השגחה פרטית פונעם אייבערשטען, אז די פושעים וואס זענען מעכבים די גאולה, זאלן ווערן מוסרים, און דורך דעם וועלן זיי ארויסגיין פונעם כלל ישראל, און דער כלל ישראל וועט זיין כולו זכאי. מען וועט צוברעגנען פון הימל, אז די אלע וואס מען דארף נישט האבן אינעם כלל ישראל, די אלע וואס האבן נישט קיין שייכות ווען משיח וועט קומען, מען וועט זיי נישט דארפן האבן אינעם כלל ישראל, וועט מען זיי צוברעגנגען דערצו, אז זיי זאלן האבן א נסיון פון מסירה, און זיי וועלן מסר'ן, און אזוי וועלן זיי ארויסגיין פונעם כלל ישראל, אזוי שטייט אין ישמח משה.

דאס איז דער געוואלדיגער מוסר השכל וואס מען דארף זיך אפלערנען, עס איז אדם בהול על ממונו, מען טאר זיך אבער נישט פארלירן פאר געלט, מיר דארפן טוהן וואס די תורה הייסט צו טוהן, און וואס מען טאר נישט, טאר מען נישט טוהן...

ההפצה נתנדב לעילוי נשמת

הרה"ח מו"ה **חיים דוד** ב"ר **צבי** ע"ה - נלב"ע ט"ו כסליו תש"ע

אשת חיל עטרת בעלה מרת **מלכה** ב"ר **יחיאל** ע"ה - נלב"ע ט"ז אלול תשנ"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**